# Raising the Salaries of Mechanchim & Mechanchos




**Eikev 5738 - 24 Menachem av 5738 sicha 4 (minutes 28:51-36:14)**

| | |
|---|---|
| Everyone must do what is incumbent on them, to expand Jewish education, to the point that every single Jewish child, boy and girl, receive a kosher education, and even better *Chinuch Al Taharas Hakodesh*. | אזוי ווי יעדער דארף דאך טאן כל התלוי בו אויף מגדיל זיין דעם ענין החינוך, ביז וואנעט אז ס'וועט כולל זיין יעדער קינד, סיי א אינגעלע און סיי א מיידעלע, זאל באקומען א חינוך הכשר, און נאך בעסער א חינוך על טהרת הקודש, |
| Which for this, we need to have teachers and counselors, and they must be the "best of the best", the best teachers and counselors as is possible | וואס אויף דערויף דארף מען דאך האבן מורים ומורות, מדריכים ומדריכות, און אין דערויף גופא דארף מען דאך האבן אז ס'זאל זיין מ"שופרא דשופרא", וואס בעסערע מורים ומורות, און וואס בעסערע מדריכים ומדריכות. |
| As we find ourselves in an era when there are worries and troubles over making a livelihood, we need to make sure to lessen the worries of the teachers, at least as much as possible, | און וויבאלד אז מ'געפינט זיך אין א צייט וואס ס'זיינען דא דאגות וטרדות הפרנסה, דארף מען זעהן מקטין זיין עכ"פ כפי האפשרי – |
| My suggestion and request (with all expressions that one could request) is: That starting from the coming school year (meaning already in the month of Ellul), a 10% (or at least 5%) raise should be added to the | איז דערפאר איז אויך הצעתי ובקשתי, והצעתי בכל הלשונות, אז מתחיל פון שנת הלימודים הבאה, ד.ה. נאך אין חודש אלול, זאל מען מוסיף זיין עשרה אחוז, עכ"פ חמשה אחוז, אויף דער משכורת פון די מורים ומורות, |

| | |
|---|---|
| salary of the teachers, counselors, Roshei Yeshiva and Mashpiim, notwithstanding the fact that they may have received a raise in the recent past. | מדריכים ומדריכות, ראשי ישיבות און משפיעים, מיט אלע תוארים וואס זיי האבן, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מ'האט אפשר מוסיף געווען אין עבר הקרוב וכיו"ב, |
| They should immediately be notified that all the calculations etc. are not being taken into account; rather another 10% is being added from the institution's accounts, (no matter their situation), and G-d will certainly repay them. | זאל מען גלייך מודיע זיין אז מ'רעכנט זיך ניט מיט קיינע חשבונות, און מ'איז זיי מוסיף עכ"פ חמשה אחוזים עכ"פ עשר אחוזים ניט קוקנדיק אויפ'ן מעמד ומצב פון דער קופה פון דעם מוסד, און זיכער וועט דאס דער אויבערשטער משלם זיין. |
| In addition to this that it will lessen their worries over livelihood, and therefore automatically increase their attention to educating the students; there is another advantage | און דאס האט א צווייענדיקע חשיבות נוסף אויף דאס וועט  מקטין זיין די דאגות הפרנסה, ובמילא וועט דאס מוסיף זיין אין די שימת לב זייערע, דאס אפגעבן זיך מיט חינוך התלמידים והתלמידות, |
| This will emphasize and display how much we appreciate their work and dedication, and mostly that we appreciate the value of education, to the point that we don't reckon with other difficulties and we raise their salaries (without even waiting for requests and pressure, rather in a nice way), | וועט דאס אויך אונטערשטרייכן און באווייזן אז מ'שאצט אפ זייער ענין מיט זייער ארבעט, מיט זייער התמסרות, און מ'שאצט אפ - והוא העיקר - דער גודל ענין החינוך, עד כדי כך אז ניט רעכענעדיק זיך מיט פארשידענע שוועריקייטן, האט מען מוסיף געווען א מעשר אויף משכורת שלהם, ניטווארטנדיק אויף לחץ ובקשות וכו', נאר בסבר פנים יפות. |
| To the point that even before the school year has started, we have already decided and notified that we will add to their salaries, (not waiting to start this new payment until Tishrei, rather still in this leap year which rectifies anything which was lacking). | און מוסיף געווען נאך איידער ס'הויבט זיך אן די שנת הלימודים, האט מען שוין מחליט געווען און שוין זיי מודיע געווען און ניט אז מ'וועט אהנויבן צאלן באופן כך פון חודש תשרי, פון שנת שנה הבאה, נאר שוין אין די שנת העיבור, וואס איז משלים כל הענינים, ביז אין אן אופן פון שלימות, מיטביידע פירושים בזה, כמדובר לעיל. |
| Those who are terribly gloomy, will start making | און די וואס זיינען געוואלדיקע מרה-שחורה'ניקעס, און |

| | |
|---|---|
| calculations. They'll call in the accountant, he'll make a tumult, "How could you take on yourself a new burden!?" | מ'הויבט אן מאכן חשבונות, און מ'רופט אריין דעם אקאונטענט און יענער מאכט א געוואלד, היתכן אז מ'נעמט אויף זיך א נייע מעמסה, א נייע משא. |
| It's well known the story told by my Father-in-law, the Rebbe, with regards to the difference of a wealthy person and a poor one: | איז ידוע דערויף דעם סיפור פון נשיא דורנו, דעם רבי'ן דעם שווער, וואס ער האט אמאל געזאגט וואס איז די חילוק צווישן אן ארעמאן מיט א רייכען: |
| In Russia there were three classes on the trains, first class, second class and third class. My Father-in-law said that a pauper always travels on first class, since he anyways needs to borrow money for the ticket, he'll just borrow more, and he will at least travel comfortably | אין רוסלאנד איז געווען דער סדר, אז א טריין זיינען געווען דריי מחלקות, איז געהייסן די ערשטע מחלקה, די צווייטע מחלקה און די דריטע – האט געזאגט דער שווער, אז אן ארעמאן פארט אלע מאל מיטן ערשטן קלאס, פארוואס, ער דארף סיי-ווי-סיי דעם לייען, וויבאלד אז ער דארף סיי-ווי-סיי לייען, זאל ער לכה"פ פארן בהרחבה; |
| However, one who is traveling through his own means, makes calculations if he could pay for third class, and if he is wealthy he'll pay for second class, but for sure not first class. | אט דער וואס פארט אויף אייגענע געלט, מאכט א חשבון צי קען ער באצאלן פאר דריטע קלאס, און טאמער ער איז א גביר, צאלט ער פאר צווייטן קלאס, אבער אויפן ערשטן קלאס – איז "לאו בכל יומא מתרחש ניסא". |
| Similarly in our case, all these calculations are applicable when working with a budget with cash available, however since either way there is a deficit, let the teacher at least enjoy, and therefore the students will also enjoy | בד"א אז מ'ארבעט מיט א בודזשעט און מ'האט מזומן; אז סיי-ווי-סיי האט מען א דעפיציט, איז זאל לכה"פ דער מלמד הנאה האבן, ובמילא וועלן די תלמידים הנאה האבן! |
| My Father-in-law, the Rebbe, who became involved in communal affairs at the age of 15, which one of the most integral ones was Jewish education; related that he always operated with a deficit in his budget, but at the end of the year he always paid off his deficit, and he said that this is a sign of "living" work. | און דערנאך האט מען די הבטחה פון נשיא דורנו, פון רבי'ן דעם שווער, וואס האט ער דערציילט, אז פון פופצן יאר איז ער אריין אין עסקנות ציבורית, וואס איינער פון די ענינים הכי גדולים בזה, איז געווען אין ענינים פון חינוך, און האט געזאגט, און דאס איז געווען דעם לשון, אז ער האט אלעמאל געארבעט מיט א חסרון אין בודזשעט, ס'איז אלעמאל געווען א דעפיציט, בלשון |

| | |
|---|---|
| | הפשוט, ער האט אבער אלעמאל צום סוף יאר אפגעצאלט דעם דעפיציט פון פאריקן יאר, אבער געמאכט א גרעסערן לשנה הבא, און האט געזאגט אז דאס איז א סימן פון א לעבעדיקע ארבעט! |
| Being that we all are working on his responsibility, he paved the path, those who will behave accordingly, and not be frightened from a deficit, G-d will most certainly make them successful and pay back the deficit for the past, and be ready to increase in holy matters for the future. | און אזוי ווי מ'גייט דאך אויף זיינע פלייצעס – במילא זאל יעדערער טאן באופן כך בכל עניני תורה און קדושה ועאכו"כ בשטח פון חינוך.<br><br>און מ'האט אויך די הבטחה פון שווער – אז ער האט דורכגעטראטן די וועג – אז די וואס וועלן זיך פירן אין אזא אופן, אויף ניט שרעקן פאר א דעפיציט וועט זיכער זיי דער אויבערשטער מצליח זיין אז זיי וועלן באצאלן די דעפיציט פון עבר און גרייטן זיך נאך מוסיף זיין און מעלה זיין בקודש בנוגע צום עתיד הקרוב, |
| And the “great deficit” will finally be paid by the “great magnate”, G-d, to whom “all silver and gold” belong. | און דערנאך וועט סוכ"ס דעם גרויסן דעפיציט באצאלן דער גרויסער גביר, וואס דאס איז "לי הכסף ולי הזהב אמר ה' צבאות", |
| He will pay both in general matters, and in private matters, as long as we provide him with the true “wealth” which is Torah, Mitzvos, Teshuva and good deeds.<br><br>And we will present him with our “fruit”’ every single child receiving a C*hinuch Al Taharas Hakodesh* (in addition to a kosher education).<br><br>Very soon we will greet our righteous Mashiach | און באצאלן סיי אין ענינים הכללים און סיי אין ענינים הפרטים – אבי אז מ'זאל אים צושטעלן דעם אמת'ן "רכוש", וואס דאס איז תורה און מצוות, תשובה און מעשים טובים בכלל, און צושטעלן אים גידולים שגדלנו, אז יעדער אידיש קינד באקומט חינוך על טהרת הקודש, נוסף אויף חינוך הכשר,<br><br>און גיין בקרוב ממש מקבל זיין פני משיח צדקנו. |
| Until then we should increase multifold in all the Mitzva Campaigns. *Chinuch, Ahavas Yisroel, Torah, Teffilin, Mezuza, Bayis Molei Seforim – Yavneh VeChachomeho, Neros Shabbos Kodesh, Kashrus Hoachila Ushtiya* and *Taharas Hamishpocho* | און ביז דעמולט מוסיף זיין כמ"פ ככה סיי אין מבצע חינוך, סיי אין מבצע אהבת ישראל, סיי אין מבצע תורה, סיי אין מבצע תפילין, סיי אין מבצע מזוזה, סיי אין מבצע צדקה, בית מלא ספרים – יבנה וחכמיה, סיי אין מבצע נרות שבת קודש, מבצע כשרות האכו"ש, מבצע טהרת המשפחה. |

| | |
|---|---|
| And very soon we will see with our eyes of flesh, in actuality, the greatest “Campaign” of the True and final redemption through our righteous Mashiach, who will conclude the exile, and will immediately bring the Complete Redemption! | ובקרוב ממש מען זעהן בעיני בשר, ולמטה מעשרה טפחים, דעם "מבצע" הכי גדול פון גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס וועט פארענדיקן דעם חושך גלות, און וועט גלייך ברענגען די אתחלתא דגאולה און די גאולה בשלימותה, והיתה לה' המלוכה! |
| | |